בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא

"טַאטִי וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מוֹרָא, אֶפְשָׁר קֶען מֶען לֵייגְן אַ שְׁטַארְקֶע שְׁלָאס אוֹיף דִי טִיר? אַזוֹי וֶועל אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן".

קִינְד טַייעֶרְער, אִיךְ ווִיל דִיר דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה. דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (יְרוּשַׁלְמִי תְּרוּמוֹת ח, ג), דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יַנַּאי הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן שְׁלֶענְג, עֶר הָאט גֶעצִיטֶערְט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן וַוייל אֶפְשָׁר וֶועט אַ שְׁלַאנְג אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיף זַיין בֶּעט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַלֶע סָארְט עֵצוֹת ווִי אַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ פַארְזִיכֶערְן אַז אַ שְׁלַאנְג וֶועט נִישְׁט אָנְקוּמֶען אוֹיף זַיין בֶּעט, עֶר אִיז אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ גֶעדַאנְק, עֶר וֶועט אַרַיינְשְׁטֶעלְן דִי פִיר פִיס פוּנֶעם בֶּעט אִין פִיר אֶמֶערְס וַואסֶער, אַזוֹי וֶועלְן דִי שְׁלֶענְג נִישְׁט קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ אִים.

אֵיין נַאכְט וֶועקְט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יַנַּאי אוֹיף מִיט אַ שְׁלַאנְג אִין דִי הֶענְט, הָאט עֶר

גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ: 'יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין פַּאטֶענְטְן, נָאר אֵיין זַאךְ הֶעלְפְט, תְּפִלָּה, תְּפִלָּה אוּן נָאכְאַמָאל תְּפִלָּה'; דֶער צַדִיק הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז דִי שְׁלֶענְג זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען אוֹיף מַיין בֶּעט", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, מֶער זֶענֶען דִי שְׁלֶענְג נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ אִים.

קִינְד טֵייעֶרֶער, לָאמִיר בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלָּה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן פוּן דִי נַאכְט, אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן פוּן קַיין הִינְט, פוּן קַיין בֶּער, פוּן קַיין שְׁלֶענְג, אִיךְ זָאל פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְן, אִיךְ זָאל הָאבְן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, דוּ הִיטְסְט מִיךְ, דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג אוֹיף מִיר".



"טַאטִי, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט לֵייגְן אַ שְׁלָאס אוֹיף דִי טִיר, אִיךְ גֵיי שׁוֹין מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וַוייל אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ בֶּעט אִים עֶר זָאל אַוֶועק נֶעמֶען פוּן מִיר דִי פְּחָדִים".

**גענומען פון ספר "עצתו אמונה"**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א"י: 07970-400-66
ארה"ב: 212-444-9191, 1-5-2-1